# קוואליפיצירטע העלט פלאן
# אין א בליק



**פארבינדט זיך מיט אונז:**

nystateofhealth.ny.gov
אדער 1-855-355-5777
TTY 1-800-662-1220

Si usted habla un idioma diferente al inglés, **los servicios de asistencia de idioma están disponibles gratis para usted. Llame al 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220).**

如果您使用的語言不是英語，您可以使用我們的免費語言支援服務。請致電 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220)

## וואס ווערט געדעקט?

- אומזיסטע פארמיידונגס קעיר
- אין-פאציענט קעיר
- אויס-פאציענט סערוויסעס
- קימפעטערן און ניי-געבוירן קעיר
- עמערדזשענסי סערוויסעס
- לאבאראטאריע און אימערדזשינג
- ריהאביליטאציע און האביליטאציע סערוויסעס
- פרעסקריפשאן מעדיצינען
- גייסטישע געזונטהייט און סובסטענץ באנוץ דיסארדער סערוויסעס
- וואוילזיין און כראנישע קראנקהייט מענעדזשמענט סערוויסעס
- דענטל און זעה-קראפט פאר קינדער *ערוואקסענע דענטל און אנדערע בענעפיטן קענען אויך זיין געדעקט דורך טייל פלענער.*

## ווער איז בארעכטיגט?

**אינדיווידועלן וועלכע זענען:**

- ניו יארק סטעיט איינוואוינער
- בירגער און געזעצליכע אנוועזנדע אפליקאנטן
- נישט בארעכטיגט פאר Medicaid, Essential Plan אדער Child Health Plus

## *אויסגעצייכנטע נייעס!*

**ווייטערדיגע קאסט שפארונגען אוועילעבל פאר בארעכטיגטע QHP איינגעשריבענע אין 2026**

- אינדיווידועלן מיט אינקאם ווייניגער ווי $54,775 זענען יעצט בארעכטיגט פאר נידריגערע קאסט טיילונג דורך "זילבער סופרים" און אינדיווידועלן מיט אינקאם אונטער $62,600 זענען אצינד בארעכטיגט פאר נידריגערע קאסט טיילונג דורך "זילבער ענהענסד."
- $0 ארויס-פון-טאש קאסטן פער מערסטנס סערוויסעס פאר דיאביטיס. דאס גייט אן צו נישט-שפיטאל באזירטע פארמיידונגס דיאביטיס -פארבינדענע סערוויסעס, צוגעהערן און פרעסקריפשאן מעדיצינען.
- $0 ארויס-פון-טאש קאסטן פער מערסטנס פרינעיטעל און נאכ'ן געבורט סערוויסעס. דאס גייט אן צו פרעסקריפשאן מעדיצינען, גייסטישע העלט/סובסטענץ באנוץ בענעפיטן, פריימערי קעיר און געוויסע ספעציעליסט באזוכן.

מער אינפארמאציע אויף די קאסט שפארונגען פאר 2026 קען מען טרעפן דא: https://info.nystateofhealth.ny.gov/costsavings

ניו יארק סטעיט אוו העלט קומט נאך אלע גילטיגע פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעצן און סטעיט געזעצן, און דיסקרימינירט נישט באזירט אויף ראסע, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, קריד/רעליגיע, מין, עלטער, הייראט/פאמיליע סטאטוס, ארעסט רעקארד, קרימינאלע קאנוויקשאן(ס), דזשענדער אידענטיטעט, געשלעכטליכע אריענטאציע, פרידיספאזינג גענעטישע כאראקטעריסטיקס, מיליטערישע סטאטוס, דאמעסטישע געוואלדטאטן קרבן סטאטוס און/אדער נקמה.

# וויפיל קאסט א קוואליפיצירטע העלט פלאן (QHP)?

**מאנאטליכע פרימיומס:** די פרייז וואס איר צאלט יעדע מאנאט וועט זיך ווענדן אויפן פלאן וואס איר וועלט אויס. מערסטנס מענטשן זענען בארעכטיגט פאר שטייער קרעדיטס וועלכע נידערן אייער מאנאטליכע קאסט. טעקס קרעדיטס ווערן גערעכנט באזירט אויף אייער אינקאם, הויזגעזינד מאס, און וואו איר וואוינט.

**קאסט טיילונג:** די סומע וואס איר צאלט ווען איר האט צוטריט צו סערוויסעס. מערסטנס מענטשן זענען בארעכטיגט צו באקומען הילף פאר די קאסטן, באזירט אויף אינקאם. אונטן זענען ביישפילן פון די QHP קאסט טיילונג פאר געהעריגע פלענער פארגעשלאגן אין פיר טיילן. אנדערע אוועילעבל פלענער האבן אנדערע קאסט טיילונגען און מער געדעקטע סערוויסעס.

| קאסט טיילונג פאר העלט קעיר סערוויסעס | פלאטינום | גאלד | זילבער | זילבער ענהענסד** | זילבער סופרים*** | בראנז |
|---|---|---|---|---|---|---|
| יערליכע דידאקטיבל | $0 | $775 | $2,450 | $2,160 | $450 | $4,125 |
| פארמיידנדע קעיר | אומזיסט | אומזיסט | אומזיסט | אומזיסט | אומזיסט | אומזיסט |
| פריימערי קעיר דאקטאר באזוך* | $15 | $25 | $30 | $30 | $15 | $50 |
| ספעציעליסט באזוך* | $35 | $40 | $65 | $65 | $35 | $75 |
| אין-פאציענט שפיטאל באזוך פער אדמישאן | $500 | $1,000 | $1,500 | $1,500 | $250 | $1,500 |
| אויפפירונג העלט אוט-פאציענט באזוך* | $15 | $25 | $30 | $30 | $15 | $50 |
| אויפפירונג געזונטהייט אין-פאציענט באזוך פער אדמישאן | $500 | $1,000 | $1,500 | $1,500 | $250 | $1,500 |
| עמערדזשענסי רום | $100 | $150 | $500 | $275 | $75 | $500 |
| אורדזשענט קעיר | $55 | $60 | $70 | $70 | $50 | $75 |
| פיזישע טעראפיע, רעדן טעראפיע, אקיופעישאנעל טעראפיע | $25 | $30 | $30 | $30 | $25 | $50 |

| קאסט טיילונג פאר פרעסקריפשאן מעדיצינען | פלאטינום | גאלד | זילבער | זילבער ענהענסד | זילבער סופרים | בראנז |
|---|---|---|---|---|---|---|
| זשענעריק | $10 | $10 | $15 | $15 | $9 | $10 |
| בעפארצוגטע פירמע | $30 | $35 | $40 | $40 | $20 | $35 |
| נישט-בעפארצוגטע פירמע | $60 | $70 | $75 | $75 | $40 | $70 |

* אלע סטאנדארט זילבער פלענער ערלויבן איין באזוך צו א פריימערי קעיר פראוויידער (PCP) אדער ספעציעליסט וועלכע איז נישט אויסגעשטעלט צו די דידאקטעבל; קא-פעימענטס גייען אן פאר די באזוכן. דאס נעמט אריין אויפפירונג העלט אוט-פאציענט באזוכן.
* אלע סטאנדארט בראנז פראדוקטן וועלן אריינרעכענען דריי (3) באזוכן אויסגעשטעלט צו קאו-פעיס, אבער נישט אויסגעשטעלט צו דידאקטיבל. קאטאסטראפישע פראדוקטן נעמען אריין (3) פריימערי קעיר באזוכן פער קאלענדער יאר וועלכע איז נישט אויסגעשטעלט צו די דידאקטיבל און מיט אן קיין קאו-פעי. די דריי באזוכן געדעקט אין סטאנדארט בראנז און קאטאסטראפישע פראדוקטן קענען זיין אדער פריימערי קעיר אדער ספעציעליסט אריינגערעכנט גייסטישע העלט און סובסטענץ באנוצער דיסארדער באזוכן.
** זילבער ענהענסד - אינדיווידואלן מיט אינקאם צווישן $54,775 ביז $62,600, אדער א פאמיליע פון פיר מיט אינקאם צווישן $112,525 ביז $128,600 זענען בארעכטיגט זיך איינצושרייבן אין די פלענער.
*** זילבער סופרים - אינדיוויואלן מיט אינקאם ביז צו $54,775 אדער א פאמיליע פון פיר מיט אינקאם ביז צו $112,525 זענען בארעכטיגט זיך איינצושרייבן אין די פלענער.